# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:09
מוצאי שב"ק.....................9:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............ישעיה מ"ב-מ"ג
בבלי..........................שבת צ"ב
ירושלמי..................יומא ה'
תוספתא....................חלה ב'
רמב"ם....................עדות כ"ב


פרשת נשא, י"ד סיון, אבות פרק א', שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 37 (451)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת

אַמָאל זֶענֶען אִידְן פוּן פּוֹילְן גֶעוֶוען אִין דֵייטְשְׁלַאנְד פַּאר בִּיזְנֶעס, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַ אוֹיבֶּערְלֶענְדֶערִישֶׁער אִיד אָן אַ בָּארְד וֵויינְט, פְרֶעגְן זֵיי אִים: "פַארְוָואס וֵויינְט אִיר?", הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען? אִיךְ קוּם יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דָאקְטָאר, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מַיין זוּן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, זָאגְן זֵיי אִים: וָואס?! דֶער דָאקְטֶער אִיז שׁוֹין אוֹיךְ בַּעַל הַבַּיִת?! פָאר קַיין צַאנְז, וָואס דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, גֶעבְּט אִים צְדָקָה, וֶועט אִיר אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, וֶוען עֶר אִיז אָנְקוּמֶען קַיין צַאנְז, אוּן עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב, פְרֶעגְט עֶר אִים גְלַייךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: אִיר הָאט פִינְף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ? [עֶר הָאט אִים נִיטְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט אוּן וָואס עֶר וִויל וְכוּ'] עֶנְטְפֶערְט עֶר: יָא! זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: גֶעבְּט אַהֶער דִי 500 רַיינִישׁ, אוּן גֵייט לְחַיִים וּלְשָׁלוֹם.

דֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט: דִי פּוֹילִישֶׁע שְׁווִינְדְלֶערְס הָאבְּן מִיר דָא אַרַיינְגֶענַארְט אוּן פַארְשִׁיקְט צוּ עֶפֶּעס אַ אִיד וְכוּ', נָאר עֶר הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן: עֶס אִיז מִיר שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּם רוּחַ אַזוֹיפִיל גֶעלְד, זָאל שׁוֹין דִי 500 רַיינִישׁ אוֹיךְ גֵיין צוּם רוּחַ.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער פוּן צַאנְזֶער רָב, דֶער שִׁינָאוֶוער רָב מִיטְ'ן גָארְלִיצֶער רָב, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער שִׁינָאוֶוער רָב פַארְ'ן גַבַּאי: לוֹיף אִים שְׁנֶעל נָאךְ, כְּדֵי מֶען זָאל אִים צוּרִיק גֶעבְּן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, וַוייל עֶר וֶועט נָאךְ בַּארֶעדְן דֶעם טַאטְן, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חִילוּל הַשֵּׁם, זָאגְט אִים דֶער גָארְלִיצֶער רָב: נֵיין בְּרוּדֶער! אַז דֶער טַאטֶע הָאט פוּן דֶעם אִיד גֶענוּמֶען גֶעלְט, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אִיד אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיין גָאט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אָבֶּער אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַ פַארְטְרֶעטֶער דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט, וַוייל זַיין זוּהן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען הַיינְט אִין מִקְוֶה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק, אַזוֹי וִוי אִיךְ מוּז הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט, אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן פִינְף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ פַאר אַ גֶעווִיסֶע צְדָקָה, וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער מִיר צוּ גֶעבְּן דֶעם סְכוּם, דֶער וֶועט זִיכֶער זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, אוּן פּוּנְקְט אִיז דֶער אִיד גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז פוּן גֶעבְּן צְדָקָה דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל וִויסְן וואוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה.

(קוּנְטְרֵס דוּ בִּיזְט אַ חִידוּשׁ)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַעַת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר


<<<<<<


## א גוט ווארט

יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה, עֶס קוּמֶען פָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע רַאיָאטְן אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד; מֶענְטְשְׁן, רוֹצְחִים גֵייעֶן אַרוּם רוֹיבְּן אוּן פְלִינְדֶערְן גֶעשֶׁעפְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַאר קַיין שׁוּם אִיד.

מֶען זֶעט קְלָאר אַז פוּן הִימְל וִויל מֶען אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. מִיר זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז מִיר זֶענֶען בַּאקְוֶועם אִין אַמֶערִיקֶע; אַמֶערִיקֶע הִיט אוּנְז, אַמֶערִיקֶע אִיז שְׁטַארְק, אַמֶערִיקֶע אִיז רַייךְ. קוּים וָואס מֶען הֵייבְּט אָן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן קָארָאנֶע אִיז מֶען אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה פוּן דִי צֶעווִילְדֶעוֶועטֶע מַאסְן וָואס גֵייעֶן אַרוּם מַאכְן חֻרְבָּנוֹת. קוֹדֶם הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּבּ צוּלִיבּ קָארָאנֶע, יֶעצְט אִיז אַרַיין אַ גֶעזֶעץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין גַאס בַּיינַאכְט צוּלִיבּ דִי רַאיָאטְן; דָאס אַלֶעס מֵיינְט מֶען אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין; אַז מֶען אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן כא): "כְּשֶׁיֵּשׁ הַכְנָעָה, עַל-יְדֵי-זֶה אֵין מוֹרָא בְּמִלְחָמָה", וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן מִלְחָמוֹת, "כְּאִלּוּ הוּא יוֹשֵׁב בְּמָצוֹר", מֶען אִיז אַזוֹי זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי מֶען זִיצְט אִין אַ פֶעסְטוּנְג; אֱמוּנָה שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-ב' תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַ לֶעבְּן, בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר הֶחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר, אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּג קִינְד, אַ פְרֵיילִיךְ קִינְד, נִישְׁט קַיין פַארְשְׁלָאפֶענֶער; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַן עֵסֶק, דוּ בִּיסְט ווַייט פוּן זַיין אַ בַּטְלָן, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַז מֶען הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אַ לֶעבְּן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אִין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען; אַמָאל בַּאקוּמְט מֶען דָאס נָאךְ אֵיין מָאל בֶּעטְן, אַמָאל נָאךְ צְוֵויי מָאל אוּן אַמָאל דַארְף מֶען אַבִּיסְל ווַארְטְן, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, מֶען בַּאקוּמְט וָואס מֶען בֶּעט.

אִיךְ ווֵייס מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט; זֵיי פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן. אַזוֹי אוֹיךְ ווַייס אִיךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבּ׳עֶ חֲסִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן שֵׁיינֶע קַארְס, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁעְן, זֵיי הָאבְּן שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע קַארְס. אַזוֹי זֶענֶען דָא טוֹיזְנְטֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלֶע סָארְט בַּקָּשׁוֹת ווִי מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן דוּרְכְ׳ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט אַ שְׁפִּיל מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן דוּ ווִילְסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דַיין צַד זָאל גֶעווִואוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל, זָאלְסְטוּ אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל בֶּעטְן אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל גֶעווִואוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף אוּנְזֶער זַייט מִיר זָאלְן גֶעווִואוּנֶען״, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט גֶעשֶׁעְן וואוּנְדֶער אוּן דַיין צַד וֶועט גֶעווִואוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל. נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַז דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ שְׁפִּילְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַהִין צוּ גֵיין, אָדֶער דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין אַהִין, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן; הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן מִיר לָאזְן גֵיין״, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט גֶעשֶׁעְן נִיסִים, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן מִיט גֵיין מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן כב) אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן אוּן עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): ״כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא א׳ תש״פ)

>>>>>>
אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, ווַייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתָּם ווִיל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי ווַייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סַיי ווִי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סַיי ווִי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ ווַייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט ווַייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג ווִיפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז ווַייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט ווַייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

## אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן ח״ב סִימָן צ״ו) אַז עֶר ווִיל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן ווַייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ׳ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים״ א.א.וו.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סַיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן זָאגְט אִים: ״אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה״, וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה״, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַּארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶּער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַּארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם
<<<<<<

>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְרַשֵׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

>>>>>>

צו קענען ווייטער אנגיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

מיר אלע וויסן וואס דער ראש ישיבה שליט"א טוט פאר אונז, און פאר אזויפיל אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט, די שיעורים, ניגונים, בריוו, פונעם ראש ישיבה שליט"א קומען אן צו יעדן פארשטעקטן ווינקל איבער די אידישע וועלט, אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער קומען צום אייבערשטן, שטארקן זיך אין אידישקייט, יעדער אויף זיין דרגה, מיט דיווארעמע חיזוק ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א, אין צוגאב צום גרויסן נעץ פון מוסדות התורה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגעשטעלט, אז די קינדער, בחורים, און אינגעלייט, זאלן לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און קענען זיין ערליכע אידן נאמנים לה' ולתורתו.

ווי פארשטענדליך ציעט דאס אריין אין אומגעהויערע הוצאות וואס איז זייער שווער נאכצוקומען. און יעצט דארף דער ראש ישיבה שליט"א צוקומען צו אונזער הילף ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש.

דעריבער איז יעצט פראקלאמירט געווארן דער פרישער קאמפיין, מיט'ן ציל אריינצוברענגען "25 מיליאן פרוטה'לעך" פאר די הייליגע מוסדות, פרוטה ופרוטה מצטרפת, אז יעדער וועט צולייגן א האנט אריינצוברענגען כאטש וויפיל ער קען, וועלן זיך צוזאמנעמען די אלע פרוטות לחשבון גדול.

דער קאמפיין וועט לויפן אין אן אפשניט פון בלויז 36 שעה, דעם קומענדיגן כ"ט און ל' סיון, וואס קומט אויס זונטאג און מאנטאג פרשת קרח [אין ארץ ישראל פרשת חקת], ווען אידישע קינדער וואס האבן געפיל צו די געוואלדיגע פעולות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלן זיך אנשטרענגען און זיכער מאכן אז מ'זאל אנקומען צום ציל.

ווער ס'וויל ארויסהעלפן מיט'ן קאמפיין, נעמען א ציל וויפיל פרוטות ער וויל אריינברענגען, קען זיך פארבינדען צום קאמפיין אפיס, דורכ'ן רופן דעם קול ברסלב האטליין, און דרוקן נומער 8.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז דער קאמפיין וועט געקרוינט ווערן מיט הצלחה, צו קענען אביסל פארגרינגען די שווערע לאסט וואס הויערט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א צו קענען דעקן די פילע הוצאות.

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

***

## נייע לאקאלע נומערן אין קאנאדא פאר "קול ברסלב"

פילע פארלאנגען זענען אריינגעקומען פון אידן אין קאנאדא וואס זענען זיך מחי' און מחזק מיט'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, מיט די פילע רייכע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די חיזוק שיעורים, שיעורי תורה, פערזענליכע מעשיות פון תפלה, אינטערוויוס, קינדער אפטיילונג, און נאך פיל, ווי אויך מיט די ליין "קוואל פון חיזוק" פאר פרויען, וואס איז פול מיט גאר אינהאלטספולע אינטערעסאנטע אפטיילונגען פאר אידישע פרויען, אבער עס האט זיי געקאסט פיל געלט צו קענען רופן די נומערן אויף אמעריקע, און זיי האבן זיך געבעטן אז מ'זאל צושטעלן אויך לאקאלע נומערן צו קענען רופן פון קאנאדא, אזוי ווי ס'איז שוין דא יעצט אין ארץ ישראל און אין ענגלאנד.

מיט די הילף פון א חשובן נדבן האט מען יעצט געעפנט ברוך ה' די לאקאלע נומערן אין קאנאדא. די נומער צו רופן "קול ברסלב" פון קאנאדא איז 438-300-8080, און די נומער פון "קוואל פון חיזוק" איז 438-320-9090.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס פיל פארגרינגערן פאר די ארטיגע אידן זיך צו קענען מחי' זיין מיט'ן לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן.

**שמעו ותחי נפשכם!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק מַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקֶן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, וּבִפְרָט זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַאר מַיין 14 יֶערִיגֶער בָּחוּר'ל, וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין רוּחְנִיּוּת, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר הָאט נָאר לִיבּ "עֶקְשָׁאן" מִיט עוֹלָם הַזֶה.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט אַז דַיין זוּן וִויל מַאכְן אַ לֶעבְּן, עֶר וִויל שְׁפִּילְן אוּן הָאבְּן פַארְגֶענִיגְן; לָאז אִים זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער. קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט לֶערְנֶען; מֶען דַארְף מִיט חָכְמָה זֵיי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְן גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט טַעַם. מֶען דַארְף זֵיי בַּאלוֹינֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן פַארְ'ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זֵיי אוֹיסְלוֹיבְּן וֶוען מֶען זֶעט בַּיי זֵיי גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט זֵיי שְׁלֶעפְּן צוּ טוּן נָאךְ גוּטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק גוּט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיר אוֹיסְהֶערְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמָארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי מַארְמָארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דוֹחָה, וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, אֲפִילוּ מֶען דַארְף אַמָאל זָאגְן מוּסָר - דַארְף דָאס זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין, מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִיזוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשׂא א' תש"פ)

BreslevCenter.com\answers





**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טְרֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אוֹיף אַן אַרַאבִּישֶׁע מִלְחָמָה שִׁיף, סְ'אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת דָארְט זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען. אַ גֶעוִויסֶער מֶענְטְשְׁן בֶּעט זֵיי אַפָּאר טָאלֶער צוּ גֵיין רֶעדְן מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן עֶר זָאל זֵיי אַרָאפְּלָאזְן פוּנֶעם שִׁיף.**

**רפד**

דֶערְוַוייל אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶעסְטְל אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פָּאר טָאלֶער, עֶר הָאט זִיךְ פַּארְזוּימְט אַבִּיסְל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען צוּם קַאפִּיטַאן, אוּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן דָאס גֶעלְט, מֵיינֶענְדִיג אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן וֶועגְן זֵיי.

דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אִין רוּסִישׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט אָבֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף שִׁיף וָואס קֶען רוּסִישׁ, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען נָאר אַרַאבֶּער.

עֶס הָאט זֵיי אָנְגֶעכַאפְּט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאַרְשְׁטֵיין וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, זֵיי זֶענֶען אוֹיף אַ קְרִיגְ'ס שִׁיף אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סַכָּנָה, זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעצִיטֶערְט אַז זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּלֵייגְן אִין בֶּעט.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶער יֶענִיגֶער וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אוֹיף רוּסִישׁ, אוּן זֵיי גֶעלָאזְט וִויסְן אַז זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף אַ מִלְחָמָה שִׁיף.

**רפה**

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף דִי גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער. דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאבְּן גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם קַאפִּיטַאן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל זֵיי לָאזְן צוּרִיק גֵיין אוֹיפְ'ן הַאפְן, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי אַנְקֶערְס, אוּן דִי שִׁיף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְשְׁווִימֶען שְׁנֶעל צוּ וֶועלְכֶע זַייט דִי ווִינְט טְרָאגְט זֵיי, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מִלְחָמָה וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן.

מְ'הָאט גֶעהֶערְט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן שִׁיסֶערֵייעֶן, בָּאמְבֶּעס אוּן קוֹילְן זֶענֶען גֶעפְלוֹיגְן פוּן אַלֶע זַייטְן, מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער פַּחַד אוּן סַכָּנָה אִיז גֶעוֶוען אוּמְבַּאשְׁרַייבְלִיךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט.

ווִי גֶעזָאגְט הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעהַאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ לֶעק וַואסֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן אֵיין אַרַאבֶּער, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶעכֶער בַּיים קַאפִּיטַאן, הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אָן רְשׁוּת אַ שִׁיסְל שְׁוַוארְצֶע קַאוֶוע פַאר יֶעדְן פוּן זֵיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט.

זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אֲפִילוּ וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בֶּעט פַארְשְׁלָאסְן אִין זֵייעֶר שְׁטוּב. דָאס הָאבְּן זֵיי אָבֶער יָא גֶעהֶערְט אַז סְ'אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס טְרָאגְט דֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ אַהִין זֵיי וֶוערְן גֶעפִירְט.

**רפו**

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ פָּארְט, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר שְׁטוּב צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן וואוּ זֵיי זֶענֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז סְ'אִיז נִישְׁט אִיסְטַאנְבּוּל, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַרַאבִּישְׁן קֶעכֶער וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער לַאנְד הֵייסְט אַדַאל [הַיינְט אִיז עֶס אַנְטָאלְיֶע אִין טֶערְקֵיי].

זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי מִנְהָגִים פוּן יֶענֶעם לַאנְד, אַז וֶוען עֶס קוּמְט זֵיי אוּנְטֶער אַ אִיד, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִים מַקְרִיב צוּ זַיין פַאר אַ קָרְבָּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַדַאל, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין זֵייעֶר שְׁטוּב, פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר, אוּן זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אוקריינע הויבט שוין אן צוריק עפענען אירע לופטפעלדער ברוך ה'

זייט די אנהויב פון די קאראנע איבערקערענישן, ווען לענדער איבער די וועלט האבן אנגעהויבן פארשפארן די גרעניצן, האט דאס געברענגט זארג פאר אידן אז דאס וועט קענען מאכן פראבלעמען אז מ'זאל נישט קענען אנקומען צום הייליגן רבי'נ'ס ציון אין אומאן אויף ראש השנה חס ושלום.

אין אנהויב חודש ניסן האט אוקריינע פארשלאסן אירע גרעניצן פאר דרויסנדיגע מענטשן, כדי צוריק צו האלטן דאס פארשפרייטונג פונעם ווירוס ביי זיי אין לאנד, מ'האט נישט געקענט אריינקומען דארט סיי פון די לופטן און סיי פון דער ערד, נאר בירגער פון אוקריינע האבן זיך געקענט צוריק קערן אהיים, אדער אין גאר אויסנאמס פעלער ווען זיי האבן געגעבן רשות אריינצוקומען.

ס'איז דא אסאך וואס צו בעטן דעם אייבערשטן אין די לעצטערע תקופה, אידישע קינדער זאלן ווערן געזונט, זאלן בלייבן געזונט, מ'זאל עפענען די שולן, מקוואות, און מוסדות התורה, אידן זאלן צוריק באקומען זייערע פרנסות, און אזוי ווייטער, אבער אנשי שלומינו האבן אויך זייער אסאך מתפלל געווען אז מ'זאל קענען זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף דעם, "קיין גרעסערע זאך פון דעם איז נישט פארהאן, יעדער דארף זיין ביי מיר אויף ראש השנה", נאכדערצו ווען מיר האבן געזען דאס יאר באשיינפערליך אז מ'האט נישט געקענט חלומ'ן דעם פארגאנגענעם ראש השנה וואס דאס יאר תש"פ וועט אונז ברענגען, און דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט איינצורייסן און צו פועל'ן א גוט געבענטשט יאר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

דערפאר איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד די גוטע בשורה, אז די רעגירונגס באאמטע אין אוקריינע האבן די וואך געמאלדן אז די גרעניצן גייען שוין אנהויבן צוריק געעפנט צו ווערן צוביסלעך. אין אומגעפער א וואך צוויי ארום וועלן די לופטפעלדער אנהויבן אריינלאזן פליגערס פון א ליסטע פון לענדער וואס קומען נאך צוויי תנאים, איינס אז יענע לענדער לאזן שוין אויך אריין אוקריינישע בירגער צו זיי אין לאנד, און צווייטנס אז די דאזיגע לענדער האבן שוין נישט קיין גרויסע נומערן פון ווירוס אנגעשטעקטע.

די ליסטע לענדער רעכנט אריין דערווייל בעלארוס, פוילן, דענמארק, גריכנלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, לאטוויע, פארטוגאל, און נאך. אידן זענען ווייטער מתפלל אז מ'זאל אויך עפענען די גרעניצן פון אמעריקע, ארץ ישראל, ענגלאנד, און נאך לענדער פון וואו עס קומען יעדעס יאר פילע אידן קיין אומאן אויף ראש השנה. ווי עס שיינט יעצט, ווען די נומערן פון די ווירוס אפעקטירטע נידערן דראסטיש איבעראל ברוך ה', וועט אוקריינע בקרוב אריינלאזן פליגערס אויך פון נאך אסאך לענדער.

דער עיקר דארף מען געדענקען אז כדי אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, קען מען נאר מיט אסאך תפלות. לאמיר זיך שטארקן און בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין אויך דאס יאר ביים הייליגן רבי'ן, און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

***

# 25 מיליאן פרוטה'לעך קאמפיין כ"ט-ל' סיון הבעל"ט

אין די יעצטיגע טעג הויבט מען זיך אן גרייטן צום "25 מיליאן פרוטה'לעך" קאמפיין, זיך צוזאמצונעמען אינאיינעם ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א <<<<<<

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**מו"ה הלל ווייס הי"ו**

**צו די שמחה פונעם געבורט פון א מיידל למזל טוב**


# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה הלל ווייס הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# קלוגע ווייטאג

**יעדער וויל זיין קלוג און געריבן, ווען מ'לעבט אבער מיט צופיל חכמות, איבער-חכם'שאפט, קען דאס ברענגען פיל ווייטאג.**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 24**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-300-8080

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**